אפגעלאכט בשעת מעשה וואס זי האט געטראגן תפילין, ווייל ס׳איז געווען פאר די הוראה אין תורה ופס״ד ברמב״ם.

במילא איז קיין פלא ניט פארוואס בא דעם איש פשוט איז א פלא בשעת ער זעט אז א איש מכובד זינגט און פאטשט מיט די הענט.

אבער ביחד עם זה, לאחרי די הוראה בתורה ופס״ד ברמב״ם אז אזוי דארף זיין די הנהגה, און "אין הגדולה והכבוד אלא לשמוח לפני ה׳ שנאמר והמלך דוד מפזז ומכרכר לפני ה׳ וגו׳", דעמולט טאר מען דערפון ניט לאכן, ואדרבה - אזוי דארף מען זיך פירן.

והמעשה הוא העיקר - מ׳זאל זיך אזוי פירן בפועל עם כל הפרטים האמורים לעיל, ובזה גופא - מתוך שמחה וטוב לבב.

* * *

יד. ס׳איז דאך ידוע אז דער טאג פון מתן תורה איז א "יום המשולש"[69], און ווי די גמרא ברענגט אין שבת[70] אין דער סוגיא פון מ״ת ווי מתן תורה איז פארבונדן מיט מספר שלשה: "דיהב אוריאן תליתאי לעם תליתאי על ידי תליתאי ביום תליתאי בירחא תליתאי".

וואס וויבאלד אז דער ענין פון "משולש" ברענגט זיך אין גמרא, אין תורה וואס איז א הוראה נצחית[71], איז מובן, אז דער ענין ווערט נמשך אזוי אויף אלע מאל.

און אין דעם גופא קומט צו א הדגשה נוספת במשך הזמנים, ווי מ׳געפינט אין פירוש רב נסים גאון[72] וואו ער ברענגט נאך כמה וכמה ענינים של "תליתאי" בנוגע צו מתן תורה, וואס ס׳איז ניכר אז ער איז ניט בלויז מעתיק (א גירסא אין) דברי הגמרא, נאר ער איז מוסיף מדילי׳.

ועד״ז איז צוגעקומען א הדגשה נוספת בדורותינו[73] - אן ענין משולש בחג השבועות, וואס איז נמשך און נתגלה געווארן אין אונזערע צייטן, אז דער טאג איז פארבונדן מיט "שלשת הרועים", ד.ה. שלשה רועים כלליים פון עם ישראל, משה רבינו דוד המלך און דער בעש״ט.

משה - ווייל ביום זה, יום מתן תורה, איז געווען דער "משה

---

69) וראה לקו״ש ח״ח ס״ע 232 ואילך. 70) פח, א. 71) ראה תניא פמ״ז. ובכ״מ. 72) שבת שם. 73) ראה גם לקו״ש ח״ח ע׳ 21 ואילך. שם ע׳ 249 ואילך. חי״ח ע׳ 35 ואילך. ועוד.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

קיבל תורה מסיני"[74], ווארום בשעת ס'איז דא א "נתינה" (מתן תורה) דארף דאך זיין א "קבלה", וואס לכל לראש איז דער מקבל געווען משה, און ער האט איבערגעגעבן די תורה שפעטער עד סוף כל הדורות.

דוד – ווי עס שטייט אין ירושלמי[75] (און געבראכט בכמה דרושים[76]) אז "דוד מת בעצרת".

און בדורנו זה, בדרא דעקבתא דמשיחא, איז צוגעקומען דער ענין וואס ביום זה איז הסתלקות ההילולא פון דעם בעש"ט[77].

וואס די דריי רועים זיינען די רועים הכי כלליים פון צווישן אלע רועי ישראל, כנ"ל.

און כאטש אז "מיהו זה ואיזהו"[78] וואס קען זאגן ווער זיינען רועים כלליים אדער פרטיים און ווער איז מער אדער ווייניקער כללי, איז דאך ידוע בכיו"ב, אז בשעת דאס איז נוגע לעבודת השם איז הרשות נתונה צו זאגן פירושים, ביז אין אן אופן פון "לא הביישן למד"[79], צו ניט שעמען זיך און פרעגן און חוקר ודורש זיין ביז מ'וועט פארשטיין נאך א פרט אדער א כלל וואס נוגע צו עבודת האדם לשמש את קונו.

ועד"ז בענינינו, אז בכלל זיינען פאראן די "שבעה רועים"[80], ביז אז "אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא" אין אלע דורות פון משה רבינו ביז נשיא דורנו כ"ק מו"ח אדמו"ר, במילא איז מובן ופשוט אז מ'קען און מ'דארף און מ'מוז אפלערנען פון זיי אלעמען א הוראה בעבודת האדם, לשמש את קונו.

נאר וויבאלד אז א מענטש איז א מוגבל, קען ער דאך ניט האבן אלע ענינים בבת אחת, נאר ער דארף זיי נעמען אחת אחת אדער אחד אחד. איז אזוי אויך אין דעם ענין הרועים, אז עס איז פאראן א לימוד מיוחד פון די דריי רועים כלליים וואס זיינען שייך ליום זה, כמבואר בכמה שיחות ומאמרים[81]. ווארום זיכער איז דאס גופא וואס זיי טרעפן זיך ביום זה איז בהשגחה פרטית, ובפרט אז מ'האט עס דערציילט.

---

74) ל' המשנה ריש מסכת אבות. 75) ביצה פ"ב ה"ד. חגיגה פ"ב ה"ג. הובא בתוד"ה אף עצרת – חגיגה יז, א. רות רבה פ"ג ב. 76) מאמרי אדה"ז – אתהלך-לאזניא ע' ב. 77) לקו"ד ח"א לב, א. מב, א. 78) ע"ד תניא פמ"ד (סג, א). 79) אבות פ"ב מ"ה. 80) מיכה ה, ד. סוכה נב, ב. 81) ראה הנסמן לעיל הערה 73.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

SichosKodesh.com

און אין דעם גופא זיינען דא כמה ענינים: ערשטנס, דער לימוד פון יעדערן בפני עצמו, צווייטנס, דער לימוד פון כולם יחד, און אויך - דאס וואס יעדערער פון זיי איז מוסיף אויפן צווייטן.

און וויבאלד אז מ'שטייט בזמן מתן תורתנו, אין ענין של תורה, וביחד עם זה אין א טאג ווען "הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם" - איז מובן, אז דער לימוד דארף זיין פארבונדן מיט תודה, און ביחד עם זה אין אן ענין פון "לכם", בנוגע צו גשמיות, בעולם הזה התחתון וואו די תורה איז געגעבן געווארן, תחתון שאין תחתון למטה ממנו.

טז. געפינט מען מען טאקע אן ענין המשותף פון די שלשת הרועים אין אן ענין של תורה, לויט דער תקנה וואס איז איבערגעגעבן געווארן ע"י הנשיאים (מיוסד אויף תקנת הבעש"ט[82]) און איז נתפרסם געווארן דורך נשיא דורנו כ"ק מו"ח אדמו"ר - פון לימוד שיעורי חת"ת, חומש תהלים און תניא.

וואס חומש איז פארבונדן מיט משה, כפשטות הענין, עד"ז תהלים איז פארבונדן מיט דוד וואס האט געשריבן ספר תהלים[83], און תניא איז פארבונדן מיטן בעש"ט, כידוע[84] דער ביאור אין דעם וואס עס שטייט אין די הסכמות אויף תניא "וכעת ישמח ישראל בהגלות דברי קדשו", אז דאס מיינט דעם בעש"ט וואס תורתו איז נתגלה געווארן אין ספר התניא.

וכפשטות הענין, אז ענינו של ספר התניא איז ביאור תורת הבעש"ט אין אן אופן פון יתפרנסון מיני'[85] בהבנה והשגה; און ס'איז אויך ידוע[86] אז דער ענין פון "כשיפוצו מעיינותיך חוצה", די הפצת המעיינות פון בעש"ט[87], האט זיך אויפגעטאן ע"י תורתו פון אלטן רבי'ן, וואס אין דעם גופא איז ספר התניא דער תורה שבכתב פון תורת החסידות (כמבואר במכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר, וואס איז שוין אויך אפגעדרוקט[88]) ע"ד ווי אין תורה בכלל איז תורת משה

---

82) וראה קיצורים והערות לתניא ע' קכז. כש"ט (הוצאת קה"ת) הוספות סי"ב ובהערה 14 שם. 83) וראה שהש"ר פ"ד, ד. 84) ראה גם לקו"ש ח"ב ע' 307. לקו"ב לתניא (להר"י קארף שי') ח"א ס"ע תקז ואילך. 85) ראה תקו"ז ת"ו בסופו. וראה כסא מלך שם (הועתק בלקו"ש ח"ז ע' 206 הערה 3. חט"ו ע' 42 הערה 9). הקדמת מקדש מלך לזהר. ועוד. 86) ס' השיחות תורת שלום ס"ע 112 ואילך. 87) ראה אגה"ק דהבעש"ט - נדפס (גם) בכש"ט (הוצאת קה"ת) בתחלתו. ובכ"מ. 88) קיצוה"ע לתניא ס"ע קיח ואילך. אגרות קודש שלו ח"ד ע' רסא ואילך. וראה שם ח"ה ע' צ.

הנחת הת' בלתי מוגה

(חומש) תורה שבכתב.

וואס לפי זה איז מתאים, אז ביום זה זאל מען זיך אפשטעלן אויפן לימוד מיוחד אין תורה אין די שיעורי חומש תהלים ותניא פון היינטיקן טאג.

טז. צווישן די דריי שיעורים פון חת"ת גופא איז דער לימוד והוראה בגלוי ביותר אין ספר התניא.

וואדום ענינו של ספר התניא איז, כאמור, דער "יפוצו", די הפצה און ביאור פון מעיינות הבעש"ט ביז זיי זאלן דערגרייכן אין "חוצה", ועד"ז טוט אויף דער תניא דעם ענין פון "הפצה" אויך אין חומש און תהלים.

דעריבער דארף מען אנהויבן לכל לראש פון דעם שיעור תניא פון היינטיקן טאג, און ערשט שפעטער ועל יסוד זה זוכן אין דעם שיעור תהלים דיום זה און אין דעם שיעור חומש בפרשת השבוע, וואס מ׳דארף לעבן מיט דער צייט, מיט פרשת השבוע[89].

וואס דער שיעור אין תניא איז דאך א תקנה פאר אלעמען, אפילו די וואס האלטן פאר לימוד התניא אלס שיעור בהבנה והשגה וכו׳[90], לערנען זיי דעם שיעור חת"ת אין תניא מידי יום ביומו.

ובהקדמה, וכמדובר כמה פעמים, אז מ׳איז ניט מחוייב צו מקבל זיין די דברים הנאמרים, נאר דער עיקר הכוונה איז דאס זאל ברענגען צו מעשה בפועל וואס "הוא העיקר"; איז אויב מ׳קומט דערצו דורך א וועג וואס איז אמת מתחלתו ועד סופו איז זיכער גוט, און אפילו אויב די התחלה איז "שלא לשמה" איז דער עיקר וכוונה אז פון דעם "תוך"[91] פונעם "שלא לשמה" איז מען געקומען צום "לשמה"[92], צום המעשה הוא העיקר.

יז. דער היינטיקער שיעור תניא (לויט דעם מורה שיעור וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר האט אויסגעשטעלט און געהייסן אפדרוקן) איז דער ערשטער פרק פון שער היחוד והאמונה ביזן ווארט "בראשית".

איז אז מ׳קוקט אריין אין דעם שיעור, זעט מען גלייך די אלע דריי ענינים פון משה דוד און דעם בעש"ט:

דער אנהויב פרק א׳ איז מיטן פסוק[93] "וידעת היום והשבות אל

---

89) "היום יום" ב׳ חשון. ס׳ השיחות תש"ב ע׳ 29 ואילך. ועוד. 90) ראה גם ס׳ השיחות תש"ה ע׳ 79. 91) ראה לקו"ש ח"כ ע׳ 51. 92) פסחים נ, ב. ושי"נ. 93) ואתחנן ד, לט.



SichosKodesh.com

לבבך גו׳״, וואס דאס איז א פסוק אין תורת משה.

נאכמער: דאס איז א פסוק אין דעם חלק אין תורה וואס איז פארבונדן במיוחד מיט משה׳ן, ווייל אין תורת משה גופא זיינען דאך דא צוויי חלקים, די ד׳ ספרים ראשונים וואס משה האט געזאגט ״מפי הגבורה״ און ״משנה תורה״ וואס ״משה מפי עצמו אמרן״[94], וואס דאס מיינט[95], אז די ערשטע ד׳ ספרים זיינען מפי הגבורה ממש כביכול, ״אנא נפשי כתבית יהבית״[96], און משנה תורה האט משה געזאגט מפי עצמו, כאטש אויך דארט איז דא דער ענין פון ״אנא נפשי כתיבת יהבית״, וכמבואר דער חילוק ביניהם אין תוס׳[97], און אין דרושי חסידות[98], עס איז אבער מובן אויך בפשטות פאר א בן חמש למקרא פון סגנון הלשון שבתורה, אז חומש דברים באשטייט פון ״אלה הדברים אשר דבר משה גו׳״[99], וואס ער זאגט ״וידבר ה׳ אלי לאמר״[100] וכיו״ב, משא״כ אין די ד׳ ספרים הראשונים, ואין ענין יוצא מדי פשוטו.

קומט אויס, אז דער פסוק ״וידעת היום גו׳״ איז א פסוק אין ״תורת משה״, און דארט דופא אין א חלק וואס משה האט געזאגט ״מפי עצמו״.

און אין משנה תורה גופא איז דאס א פסוק וואס איז פארבונדן בגלוי מיטן ענין פון ״הפצת המעיינות חוצה״, וכמדובר כמה פעמים[101] דער פירוש פון צ״צ[102], אז מדות שבלב ביחס צו מוחין שבראש זיינען בגדר ״חוצה״, קומט אויס, אז דער ענין פון ״והשבות אל לבבך״, אז פון דעם ״וידעת״ שבמוח זאל אראפקומען אין דער השבת הלב, איז אן ענין פון הפצה אין חוצה.

און דער פירוש אין ״הפצת המעיינות חוצה״ (המשכת המוחין במדות) האט א שייכות מיוחדת צו חג השבועות, וואס דער נאמען ״חג השבועות״[103] (כאטש דער יו״ט האט כמה וכמה שמות, ווי ״יום הביכורים״[104], ״חג הקציר״[105], ״זמן מתן תורתנו״[106], ״עצרת״[107]

---

94) מגילה לא, ב. 95) ראה בארוכה לקו״ש חי״ט ע׳ 9 ואילך. וש״נ. 96) שבת קה, א. 97) מגילה שם - ד״ה משה. 98) ראה אוה״ת דברים ע׳ ו ואילך. לקו״ש שם. וש״נ. 99) דברים א, א. 100) שם ב, יז. 101) לקו״ש ח״כ ע׳ 181 הערה 14. חכ״ב ע׳ 186 הערה 16. לקו״ש וישב ש.ז. הערה 77. ועוד. 102) אוה״ת לתהלים (יהל אור) ע׳ תנה. 103) תשא לד, כב. ראה טז, י; טז. 104) פינחס כח, כו. 105) משפטים כג, טז. 106) נוסח התפלה. ובכ״מ. 107) ראה שביעית פ״א מ״א. ביכורים פ״א מ״ג. ר״ה טז, א. ״המועדים בהלכה״ (להרש״י ז״ל זעווין) - שבועות פרק א׳. וש״נ. וראה שיחת ש״פ נשא תשמ״ג סל״ז.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

און נאך) איז ע"ש "שבעה שבועות תספר לך"[108], וואס דער ענין פון ספירת שבעה שבועות (ספירת העומר) איז דאך המשכת המוחין במדות כמבואר בכ"מ[109], דער ענין פון "וידעת היום והשבות אל לבבך".

יח. בשעת מ׳לערנט ווייטער דעם שיעור תניא על הסדר קומט לאחרי דעם ענין פון משה א פסוק וואס איז פארבונדן מיט דוד המלך, מחבר ספר תהלים און "נעים זמירות ישראל"[110], און דאס איז דער פסוק[111] "לעולם הוי׳ דברך נצב בשמים".

און דער פסוק איז (ניט נאר א פסוק פרטי אין ספר תהלים, נאר) אויך מרמז בפרטיות צו דער מעלה פון דוד המלך, ע"פ המבואר אין כתבי האריז"ל[112] (און דער צ"צ איז מאריך בזה אין זיינע רשימות לתהלים על הפסוק[113]), אז דער פסוק רעדט וועגן ספירת המלכות, "דברך", וואס דאס איז דאך ענינו של דוד, כמבואר בארוכה אין מצות מינוי מלך[114] ובכ"מ אז ענינו של דוד איז ספירת המלכות בשלימותה (און אין דעם האט ער א מעלה אפילו איבער שלמה וואס בימיו קיימא סיהרא בשלימותה[115], ווייל שלמה איז חכמה שבמלכות משא"כ דוד איז מלכות אליין), וואס דערפאר איז עיקר ענין המלכות דוקא ביי בית דוד.

און דער פירוש הפסוק איז, אז "דברך", דער עיקר פון ספירת המלכות (דער כתר מלכות) איז נצב לעולם בשמים, ד.ה. ער בלייבט אלע מאל אין אצילות, און אין אן אופן פון "נצב" מלשון תוקף, כמ"ש[116] נצב מלך[117], און "לעולם" באופן נצחי (וביחד עם זה - אין גדר הזמן), און בלויז די ט"ס פון מלכות, "רגלי׳", זיינען "יורדות" אין בי"ע.

קומט אויס, אז דער פסוק רעדט א מעלה אין ענין ספירת המלכות, ענינו של דוד המלך.

יט. דערנאך קומט מען אין דעם שיעור תניא צו דעם בעש"ט, ווי ער ברענגט ווייטער דאס וואס "פירש הבעש"ט ז"ל אין דעם פסוק "לעולם ה׳ דברך נצב בשמים", "כי דברך שאמרת יהי[118] רקיע בתוך המים וגו׳ תיבות ואותיות אלו הן נצבות ועומדות לעולם בתוך רקיע

---

108) ראה שם ,ט. 109) מאמרי אדה"ז - הנחות הר"פ ז"ל ע׳ נה. אוה"ת ויקרא (כרך ב) ע׳ תקפד. (כרך ד) ע׳ א׳קיח. במדבר (הוספות) ע׳ א׳תל. (כרך ו) ע׳ א׳תרצט. סה"מ תרכ"ז ע׳ רלד. תרע"ח ע׳ רצא. ובכ"מ. 110) ש"ב כג, א. וראה שהש"ר שבהערה 83. 111) קיט, פט. 112) ראה ע"ח שכ"ג פ"ה. של"ד פ"א. 113) יהל אור ס"ע תסז ואילך. שם ס"ע תסט ואילך. 114) פ"ב (דרמ"צ קח, ב ואילך). 115) שמו"ר פט"ו, כו. ובכ"מ. 116) מ"א כב, מח. 117) יהל אור שם ע׳ תסח. מלקו"ת שה"ש יב, א. 118) בראשית א, ו.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

SichosKodesh.com

השמים כו׳״.

וואס אויך דא זעט מען ניט נאר דעם עצם פירוש פון בעש״ט, נאר אויך דער ענין פון הפצה שבזה, ווי דאס ווערט אויסגעשטייטשט (די תורת הבעש״ט) דורך דעם אלטן רבי׳ן, וואס דאס איז אן ענין של הפצה יותר (כנ״ל).

און אין דעם גופא איז דאך דער באדייט פון "ופירש הבעש״ט", אז דער בעש״ט האט פארשפרייט[119], אן ענין של הפצה, וואס אין דעם באשטייט זיין הוספה אויף דעם וואס עס שטייט אין פסוק און אין מדרש תהלים, בידוע וואס אין לקו״ת[120] צייכנט דער צמח-צדק צו אז דער פירוש אין פסוק שטייט אין מדרש תהלים, און דערנאך ברענגט ער אז אזוי שטייט אין תניא, ד.ה. אז אויך אין דעם איז די הוספה אין תניא, דער ענין פון "ופירש הבעש״ט", אז דער בעש״ט האט פארשפרייט דעם ענין[119], און אין אן אופן פון "הפצת המעיינות חוצה".

כ. אין דעם גופא איז פאראן נאך א ווייטערדיקע דרגא אין הפצת המעיינות חוצה:

נוסף צום ביאור אין שער היחוד והאמונה, איז אויך פאראן א ביאור אויף דעם פסוק אין די רשימות פון צ״צ אויף תהלים, אויפן פסוק "לעולם ה׳ דברך נצב בשמים".

וואס די רשימות פון צ״צ איז אן ענין של יפוצו שביפוצו, ד.ה. נוסף אויפן כללות הענין פון יפוצו וואס האט זיך אויפגעטאן דורכן אלטן רבי׳ן, האט מען דאך דערנאך געדארפט מפיץ זיין די מעיינות ניט נאר אין בחי׳ שמים שבתורה נאר אויך אין בחי׳ ארץ שבתורה, און דאס האט זיך אויפגעטאן בעיקר דורכן צמח-צדק וואס האט מאחד געווען פנימיות התורה מיט נגלה דתורה, ביז אז דאס איז געווארן א דבר אחד ממש, ווי מ׳זעט עס אין זיינע מאמרים בכלל און אויך אין די רשימות אויף תהלים.

נאכמער: בנוגע צו זיינע מאמרי חסידות, געפינט מען אז דער רוב אין זיי זיינען די עניני חסידות, און דער חלק הנגלה איז א חלק קטן בכמות; משא״כ בנוגע צו די רשימות אויף תנ״ך, כולל די רשימות אויף תהלים, כולל ובפרט די רשימות על פסוק זה - איז דארטן פאראן נגלה אזויפיל וויפל פנימיות, ועכ״פ ניט קיין סאך

---

119) ראה גם לקו״ש ח״ז ע׳ 64 הערה 40. ח״ח ע׳ 354 הערה 21. ליקוט פירושים כו׳ לשעהיוה״א כאן. וש״נ. 120) ר״פ אחרי (כה, סע״ג). וראה גם בהנסמן בליקוט פירושים שם הערות 19-19*.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

ווייניקער דערפון.

געפינט מען טאקע, אז ע"פ המבואר אין די רשימות פון צ"צ אויפן פסוק הנ"ל, קען מען האבן א ביאור אין אן ענין תמוה אין היינטיקן שיעור תניא, וואס וויבאלד אז דאס איז דער היינטיקער שיעור אין כאן המקום לבאר די הבנה והסברה אין דער קלאץ קשיא שבשיעור תניא דיום זה, וכדלקמן.

כא. דער תוכן פון היינטיקן שיעור תניא איז, אז "דברך שאמרת יהי רקיע בתוך המים וגו׳ תיבות ואותיות אלו הן נצבות ועומדות לעולם בתוך רקיע השמים ומלובשות בתוך כל הרקיעים לעולם להחיותם כדכתיב[121] ודבר אלקינו יקום לעולם ודבריו חיים וקיימים לעד כו׳", און ער איז מסביר, "כי אילו היו האותיות מסתלקות כרגע ח"ו וחוזרות למקורן היו כל השמים אין ואפס ממש והיו כלא היו כלל".

וואס די הסברה בדבר איז, ווי ער איז מבאר אין פרק ב׳, ווייל אינה דומה א בריאה יש מאין צו א שינוי מיש ליש, און וויבאלד אז די גאנצע מציאות פון דעם יש וואס ווערט מאין איז תלוי אין כח המהווה, במילא דארף דער כח המהווה שטיין דארטן באופן תמידי, ניט ווי "מעשה אנוש ותחבולותיו שהוא רק יש מיש רק שמשנה הצורה וכו׳", וואס דערפאר איז "כאשר יצא לצורף כלי שוב אין הכלי צריך לידי הצורף".

לפי זה איז דאך מובן בפשטות, אז אין דעם ענין זיינען "שמים" ניט אנדערש פון אנדערע נבראים, און אין אלע נבראים וואס ווערן נתהווה מיש ליש דארף שטייען דער דבר הוי׳ וואס איז זיי מהווה תמיד להחיותם, סיי אין שמים סיי אין ארץ סיי אין אזעלכע ענינים וואס לא נזכר שמם אין די עשרה מאמרות שבתורה; מצד דעם טעם הענין איז קיין חילוק ניט ביניהם.

לפי זה ווערט א תמיהה פארוואס דער אלטער רבי איז בפירוש מחלק צווישן דעם אופן ההתלבשות פון דעם דבר הוי׳ אין שמים און אין אנדערע נבראים:

אין היינטיקן שיעור איז ער מבאר, כאמור, ווי "דברך שאמרת יהי רקיע" איז מלובש אין די שמים, און "אילו היו האותיות מסתלקות כרגע ח"ו וחוזרות למקורן היו כל השמים אין ואפס ממש"; שפעטער (אין דעם שיעור תניא פון אסרו חג) זאגט ער א צווייטן ענין - "וכן בכל הברואים שבכל העולמות עליונים ותחתונים ואפילו

121) ישעי׳ מ, ח.



SichosKodesh.com

ארץ הלזו הגשמית ובחי' דומם ממש, אילו היו מסתלקות ממנה כרגע ח"ו האותיות מעשרה מאמרות שבהן נבראת הארץ בששת ימי בראשית היתה חוזרת לאין ואפס ממש", און שפעטער איז ער מוסיף א דריטן ענין "ואף שלא הוזכר שם אבן בעשרה מאמרות שבתורה אעפ"כ נמשך חיות לאבן ע"י צירופים וחילופי אותיות כו'".

ולכאורה: מצד דעם טעם האמור, דער אויפטו פון יש מאין לגבי יש מיש, איז דאך ניטא קיין חילוק צווישן שמים מיט ארץ מיט די אנדערע נבראים; פארוואס-זשע האט דער אלטער רבי אויסגעטיילט דוקא דעם מאמר "יהי רקיע" וואס רעדט וועגן בריאת שמים, און ברענגט ניט די מאמרות שלפנ"ז.

נאכמער: צווישן די מאמרות שלפנ"ז איז אויך דא דער מאמר כללי, "בראשית נמי מאמר הוא"[122], און ווי רש"י[123] איז מפרש אז "בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ"[124] מיינט "את השמים לרבות תולדותיהם ואת הארץ לרבות תולדותי'", ד.ה. אז דאס איז א מאמר כללי וואס רעדט וועגן כללות הבריאה יש מאין; איז מובן, אז דאס וואס ער קלייבט אויס דעם מאמר "יהי רקיע" איז בדיוק.

דארף מען פארשטיין: אין וואס באשטייט דער חילוק צווישן די דריי כללות'דיקע ענינים פון שמים, ארץ, און די ענינים שלא נזכרו בפירוש בעשרה מאמרות?

וואס אייגנטליך איז די קשיא ניט אויפן אלטן רבי'ן - נאר אויפן פסוק וואס שרייבט דעם ענין פון "לעולם ה' דברך נצב" דוקא לגבי "בשמים"?

[ד.ה.: אפילו אויב די קשיא וואלט געווען אויפן אלטן רבי'ן איז אויך "לא הביישן למד", און בשעת עס ווערט נתעורר א שאלה איז דער סדר ניט צו מבטל זיין די קשיא אן זוכן א תירוץ אויף איר, ווארום ניט דאס איז "לימוד התורה"! דער סדר פון לימוד התורה איז, אז בשעת מ'האט א קשיא, איז כאטש דאס רירט ניט אן דעם מעשה בפועל (וואס לימוד מביא לידי מעשה[125]), אבער צוזאמען דערמיט דארף מען האבן די יגיעה ביז מ'געפינט א תירוץ; און אויב מ'קען אליין ניט געפינען קיין תירוץ - דארף מען פרעגן ביי א צווייטן; ביז אז אפילו אויב עס בלייבט ביי אים די קשיא בתוקף, קען ער ניט רוען ביז ער וועט געפינען א תירוץ, קען ער ניט שלאפן וכו', און אז עס קומט א נייער טאג איז "בכל יום יהיו בעיניך חדשים"[126] וכו';

---

122) ר"ה לב, א. וש"נ. 123) בראשית א, יד. 124) בראשית שם, א.
125) ב"ק יז, א. 126) פרש"י תבוא כו, טז.

הנחת הת' בלתי מוגה

ובפרט אז די קשיא איז כאמור אויפן פסוק - פארוואס דער פסוק זאגט "לעולם ה׳ דברך נצב בשמים" דוקא?].

כב. וועט מען דאס פארשטיין לויט דעם וואס דער צ"צ איז מבאר אין זיינע רשימות אויף תהלים על הפסוק:

אין זיינע רשימות אויף תהלים ברענגט דער צ"צ[127] דאס וואס דער מדרש[128] פרעגט אויפן פסוק "לעולם ה׳ דברך נצב בשמים" - "הא בארץ לא?", צי דען איז "דברך נצב" נאר בשמים און ניט בארץ? און דער מדרש ענטפערט "אלא מה שאמרת לאברהם בשמים למועד[129] אשוב אליך כעת חי׳ גו׳", איז שפעטער געווארן דער "ויעש ה׳ לשרה כאשר דבר"[130].

ד.ה. דער מדרש איז מבאר, אז עס קען זיין א מציאות אז דער דבר ה׳ זאל זיין בשמים און ניט בארץ, ווי דאס איז געווען אין דער מעשה רב ביי אברהם אבינו, אז דער אויבערשטער האט געזאגט "למועד אשוב אליך כעת חי׳ ולשרה בן", און די ווערטער זיינען געבליבן "בשמים", ביז אז בפועל האט מען ניט געזען קיין קינד דא למטה; און ערשט שפעטער לאחר זמן איז אראפגעקומען פון דעם "כאשר דבר" אין דעם "ויעש", אין מעשה בפועל, בארץ, "ויעש ה׳ לשרה כאשר דבר".

און ווי דער צ"צ איז ממשיך, אז דאס איז דער "פירוש לעולם ה׳ דברך נצב בשמים, שאע"פ שלא נתקיים עדיין הדבור כמו כל הנחמות שבתורה, היינו שלא נמשך עדיין בארץ, אבל הוא נצב בשמים, וכיון שכן ודאי יהי׳ ויעש ה׳ כאשר דבר, שיומשך כן בעשי׳ בארץ".

ד.ה. דער ענטפער אויף דער שאלה פון מדרש - "בשמים הא בארץ לא" איז, אז פאר דעם וואס דער דבר ה׳ ווערט נמשך למטה בארץ אין אן אופן של עשי׳, דארף ער פריער זיין "נצב בשמים" אין אן אופן פון "דיבור".

און דער צ"צ איז מוסיף ומבאר דעם ענין, "ויש לפרש עפמ"ש בזהר[131]...בפי׳ ויעש ה׳ לשרה עשי׳ איהי לעילא..שצ"ל המשכה מהכתר..וא"כ זהו פירוש ויעש כאשר דבר, שהדבור במלכות, וכפי שידבר כן נמשך העשי׳ מלמעלה מהכתר".

כג. ויש לומר, אז לויט דעם ביאור פון צ"צ בנוגע דעם ענין פון

---

127) שם ע׳ תסו. 128) ב"ר פנ"ג, ד. 129) וירא יח, יד. 130) שם כא, א. 131) קטו, א. וראה גם סה"מ תקס"ג (כרך א) ע׳ כד ואילך. ביאוה"ז לאדהאמ"צ יא, ב ואילך. להצ"צ ע׳ מד ואילך. ע׳ נז ואילך. (כרך ב) ע׳ תרלז ואילך.



SichosKodesh.com

״ויעש ה׳ לשרה כאשר דבר״, ווערט מען אויך פארשטיין אין כללות הבריאה וכללות סדר ההשתלשלות:

כללות הכוונה פון דער בריאה וסדר ההשתלשלות איז, ״עשי׳ לעילא״, די התהוות פון עולם הזה התחתון שאין תחתון למטה ממנו, ווארום דוקא ״למעשה ידיך תכסוף״[132], דער כיסוף ותאוה שלמעלה איז אין דעם ענין פון ״עשי׳״, ״מעשה ידיך״, וואס דאס איז אין שמים וארץ וצבאיהם.

אבער דער סדר הבריאה איז, אז כדי עס זאל אראפקומען אין ״ויעש״, אין ״עשי׳״, דארף פריער זיין דער ״דבר״, ״לעולם ה׳ דברך נצב בשמים״, און ערשט שפעטער ווערט עס נמשך בארץ.

אזוי איז דאס אויך אין נשמות[133]: פאר דעם וואס די נשמה ווערט נתלבש בגוף, דארף זי פריער שטיין אין דער דרגא פון ״נשמה שנתת בי טהורה היא, אתה בראת אתה יצרת״[134], און ערשט שפעטער קומט זי אראפ אין ״אתה נפחת בי״[134], אין דעם גוף.

ובלשון הכתוב[135] - ״כל הנקרא בשמי ולכבודי בראתיו יצרתיו אף עשיתיו״, אז די וועלט איז אויסגעשטעלט באופן כזה אז פריער איז ״בראתיו״, דערנאך קומט ״יצרתיו״, און ערשט דערנאך קומט די תכלית הכוונה, דער ״עשיתיו״, די עשי׳ שבעשי׳, ״מעשה ידיך״.

און ווי דאס איז אים דעם פסוק גופא ״לעולם ה׳ דברך נצב בשמים״, ווי דער צ״צ ברענגט שפעטער פון כתהאריז״ל (כנ״ל), אז ״דברך״, עיקר ספירת המלכות, כתר מלכות, בלייבט אין שמים, ״היינו שדבוק בז״א״, און נאר די ט״ס, ״רגלי׳״, זיינען יורד אין בי״ע.

ד.ה. כדי עס זאל זיין א ירידה אין בי״ע דארף דער עיקר המלכות זיין בשמים, למעלה.

כד. ומזה מובן אויך בנוגע צו די חלוקי הדרגות בנוגע צו דעם דבר הוי׳ וואס איז זיך מתלבש אין די נבראים:

כאטש דער טעם דערפון וואס די נבראים דארפן אנקומען אלע מאל צו דעם דבר הוי׳ איז דער זעלבער ביי אלע נבראים, איז אבער פאראן חלוקי דרגות בסדר ההמשכה: פריער איז דער דבר הוי׳ נמשך

---

132) איוב יד, טו. וראה עבוה״ק חלק העבודה פ״ב ואילך. של״ה שער הגדול כט, ב ואילך. ובכ״מ. 133) ראה לקו״ת בחוקותי מז, סע״א. דברים א, א. ראה כז, א. כח, סע״ג. יוה״כ סט, א. ר״פ האזינו. ובכ״מ. 134) בברכות השחר. 135) ישעי׳ מ, יז. וראה לקו״ת אחרי כה, ד. ר״פ בלק. ובכ״מ.

אין שמים, דערנאך אין ארץ, און דערנאך אין די דברים שלא נזכרו בפירוש בהעשרה מאמרות.

און ווי מ׳זעט עס אויך אין אגרת הקודש סימן כ׳[136] וואו דער אלטער רבי איז מבאר אז דוקא "מהותו ועצמותו של המאציל ברוך הוא שמציאותו הוא מעצמותו ואינו עלול מאיזו עילה שקדמה לו ח"ו..הוא לבדו בכחו ויכלתו לברוא יש מאין ואפס המוחלט ממש בלי שום עילה וסיבה אחרת קודמת ליש הזה" – וואס דאס איז דאך דער טעם דערפון וואס די התהוות דארף זיין בכל רגע ורגע, "לעולם ה׳ דברך נצב בשמים", איז דער אלטער רבי גלייך ממשיך ומבאר אז דער אופן ההתהוות יש מאין איז דורך א גאנצן סדר השתלשלות (כמבואר דארטן בקיצור וברמז, ובפרטיות אין עץ חיים), וואס אין דעם סדר השתלשלות קומט פריער "שמים", דערנאך "ארץ", און ערשט דערנאך די ענינים שלמטה מזה.

וואס בנוגע צו "שמים" איז דאס מפורש בתורה, "לעולם ה׳ דברך נצב בשמים", דערנאך איז דא דער "ופירש הבעש"ט" בנוגע אלע אנדערע נבראים, ביז אז דאס קומט אראפ אין אזעלכע ענינים וואס שטייען ניט בפירוש אין תורה , ביז צו ענינים וואס האבן ניט קיין מקום ע"פ תורה, זאכן וואס זיינען למטה מהקדושה, וואס אויך זיי נעמען זיך מלמעלה, כמבואר אין תניא[137] אז אויך די קליפות וואס זאגן "לי יאורי ואני עשיתני"[138], איז ניט נאר וואס "קרו לי׳ אלקא דאלקיא"[139] נאר "אינם משנים תפקידם ופקודתו ית׳ שמרה רוחם", ביז אז זייער התהוות איז פון "מהותו ועצמותו של המאציל ב"ה..ואינו עלול מאיזו עילה שקדמה לו ח"ו" – נאר די המשכה אין זיי איז דורך א סדר השתלשלות וכו׳.

כה. דערפון האט מען אויך די הוראה אין מעשה בפועל, וואס "המעשה הוא העיקר":

א איד דארף וויסן, אז כאטש ער האט א נשמה בגוף, א "נשמה שנתת בי" וואס איז א "חלק אלוקה ממעל ממש"[140] וואס איז געגעבן געווארן דורכן אויבערשטן אליין, "שנתת בי" – איז אבער דער תכלית הכוונה אז די נשמה זאל אראפקומען דא למטה און אויספירן איר כוונה למטה אין עולם העשי׳.

וכמבואר אין לקו"ת[141] אויפן פסוק[142] "והרוח תשוב אל

---

136) קל, סע"א ואילך. 137) פכ"ד. וראה שם ספכ"ב. וראה לקו"ש חכ"א ע׳ 40 ואילך. 138) יחזקאל כט, ג. וראה שם, ט. לקו"ש הערה 32. 139) ראה סוף מנחות. 140) תניא רפ"ב. 141) ר"פ האזינו. 142) קהלת יב, ז.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

SichosKodesh.com

האלקים אשר נתנה״, אז דורך דער עבודה למטה, שלימות עבודת התשובה, דערגרייכט מען נאך העכער[143] פון ״האלקים אשר נתנה״, העכער פון ״נשמה שנתת בי״.

און דאס איז דער ענין פון ״ויעש״, וואס עשי׳ איז מלשון כפי׳ כמו מעשין[144] על הצדקה[145], וואס דאס (כפי׳) איז דער ענין התשובה.

צוזאמען דערמיט דארף ער אבער וויסן, אז דער אופן העבודה איז ניט אז מ׳שפרינגט איבער אלע דרגות שבינתיים, און מ׳גייט גלייך צום תחתון שאין תחתון למטה ממנו, נאר דאס דארף דורכגיין דורך א סדר השתלשלות, ווארום יעדער דרגא איז אן עולם פאר זיך און א חלוקה פאר זיך.

און ווי מ׳זעט עס טאקע בסדר עבודת היום: בבוקר בקומו משנתו, דעמולט זאגט ער ״מודה אני כו׳ שהחזרת בי נשמתי״, וואס דאס איז דער ענין פון ״נשמה שנתת בי״, ד.ה. די נשמה ווי זי איז מצד למעלה, פאר זיך; דערנאך קומט עס אראפ אין פרטים (אויף וויפל עס איז שייך דער ענין פון פרטים פאר נטילת ידים שחרית ווען מ׳טאר נאך ניט זאגן קיין שמות קדושים); און שפעטער ווערט דער ענין נמשך אין פרטים נאך נטילת ידים, אין די ברכות והמשכות שלאח״ז, ביז אין כללות הגוף. וואס דאס איז דער ענין פון ״ילכו מחיל אל חיל״[146], ״מבית הכנסת לבית המדרש״[147], וואס אלץ איז אין די ״עשרה מאמרות שבתורה״, און שפעטער ווערט עס נמשך אין ״הנהג בהן מנהג דרך ארץ״[148], אין עניני רשות וואס זיינען כביכול ניט נכלל אין די עשרה מאמרות, ביז צום תחתון שאין תחתון למטה ממנו.

כו. דערפון איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו כללות עבודת האדם:

א איד איז דאך באשאפן געווארן מיט דער כוונה ״לשמש את קונו״, ״לעשות לו ית׳ דירה בתחתונים״.

וואס לכאורה ווערט די שאלה: די וועלט האט באשאפן דער אויבערשטער אליין – איז ווי קומט א איד און ווערט א ״מאכער״ צו פועל׳ן אין וועלט?

---

143) לקו״ת שם עב, רע״א. וראה ד״ה מים רבים תשל״ח ס״ד-ה ובהערות שם. 144) ראה ב״י לטור יו״ד סרמ״ח. 145) סה״מ תרל״ו (ח״ב) ע׳ רפט. תרע״ח ע׳ קכא. תרצ״ט ע׳ 191. לקו״ש חי״ב ע׳ 238. ובכ״מ. 146) תהלים פד, ח. 147) ברכות בסופה. שו״ע אדה״ז או״ח סקנ״ה ס״א. וש״נ. 148) ברכות לה, ב.

הנחות הת׳ בלתי מוגה

איז דער ענטפער אויף דעם, אז אידן זיינען אדם "ע"ש אדמה לעליון"[149], און דער אויבערשטער האט זיי געגעבן דעם כח צו ווערן א "שותף להקב"ה במעשה בראשית"[150]. במילא פאלט אפ די שאלה ווי קען א איד זיין א "מאכער", ווייל דער אויבערשטער האט געוואלט ער זאל ווערן א שותף במע"ב[151], און נאכמער - "למעשה ידיך תכסוף", ד.ה. ניט נאר אז דער אויבערשטער זאגט אז א איד קען פועלן אין וועלט, נאר "תכסוף", ער וויל ער זאל דאס טאן.

ביז אז דער אויבערשטער בעט זיך אז א איד זאל אויפטאן אין וועלט, ווי חז"ל[152] זאגן אויף "אם בחוקותי תלכו"[153] - "אין אם אלא לשון תחנונים". וואס מיינט עס? וויבאלד אז "דברה תורה בלשון בני אדם"[154], איז פארשטאנדיק, אז דא מיינט מען דעם ענין התחנונים ווי ער איז בלשון בני אדם. ווייס א מענטש פון זיך אליין, אז עס קען זיין א זאך וואס א מענטש וויל טאקע, אבער אן א געוואלד, נאר אויב ס'איז דא וויל ער דאס; עס איז אבער פאראן אמאל אז ער וויל א זאך גאר שטארק - וואס דאן איז ער זיך "מתחנן", ער בעט זיך. און אזוי איז אויך למעלה, אז דער אויבערשטער "בעט זיך" כביכול ביי אידן עס זאל זיין "ועשיתם אותם"[155], די פעולה אין עשי׳, צו אויפטאן אין דעם תחתון און מיט דעם תחתון.

און דא קומט אריין די הוראה האמורה פון דעם היינטיקן שיעור תניא:

עס קען זיין א מציאות, אז וויבאלד המעשה הוא העיקר, וועט דער מענטש איבערגיין אין טאן מיטן תחתון באופן של דילוג וקפיצה, גיין גלייך צום מעשה בפועל אן קיינע ממוצעים, אזוי אז אין דעם מעשה וועט ניט זיין אויף אזויפיל ניכר זיין לימוד התורה און זיין פארבונד מיט אלקות.

קומט צוגיין דעם שיעור תניא און לערנט, אז פאר דעם וואס דער "דבר ה׳" ווערט נמשך אין "ארץ", ביז אין די נבראים וואס זיינען ניט נזכר בפירוש אין די עשרה מאמרות, דארף ער פריער דורכגיין דעם "שמים", רוחניות.

און אזוי איז אויך דער ענין פון חג השבועות, זמן מתן

---

149) ס׳ עשרה מאמרות מאמר אם כל חי ח"ב סל"ג. של"ה ג, א. רסח, ב. שא, ב. 150) ל׳ חז"ל שבת י, א. קיט, ב. 151) ראה הגש"פ עם לקוטי טעמים, מנהגים וביאורים (הוצאת קה"ת תשל"ט) ע׳ תנח ובהערות שם. לקו"ש חט"ז ע׳ 95. ובכ"מ. 152) ע"ז ה, סע"א. 153) ר"פ בחוקותי (כו, ג). 154) ברכות לא, ב. וש"נ. רמב"ם הל׳ יסוה"ת פ"א ה"ט. 155) בחוקותי שם.



SichosKodesh.com

תורתנו, אז דער איבערגאנג פון זמן מ״ת צו די טעג שלאח״ז דארף זיין ניט בדרך דילוג וקפיצה, נאר באופן כזה אז מען הויבט אן פון תורה און מ׳איז ממשיך תורה אין וועלט, ביז אז די וועלט ווערט א ״תורה וועלט״.

כז. ויש לקשר זה אויך עם המבואר לעיל[156] - וועגן דעם תוכן ענין ההבדלה:

דער רמב״ם ברענגט[157], אז ״מ״ע מה״ת לקדש את יום השבת בדברים שנאמר[158] זכור את יום השבת לקדשו...וצריך לזכרהו בכניסתו וביציאתו...ביציאתו בהבדלה״, דאס מיינט אז די הבדלה בצאת השבת איז מוסיף בקדושת השבת, און ווי דאס איז בפשטות אז דער ענין פון הבדלה ברענגט ארויס די קדושת השבת, אז שבת איז אויך אזויפיל מובדל פון ימות החול, אז מ׳דארף מאכן א ברכה על היין מיט א ברכה אחרונה וכו׳, ובפרט ווי דאס איז ע״פ מוסר וחסידות.

דערפון איז אבער אויך פארשטאנדיק לאידך גיסא, ווי הבדלה איז דער אנהויב פון זונטיק, ד.ה. אז אין דעם זונטיק דארף זיין ניכר ווי ער קומט אלס המשך פון יום השבת.

ועד״ז איז בנוגע לענייננו, חג השבועות, אז דער מכוון איז, די עבודה פון חג השבועות זאל נמשך ווערן אין די ימים שלאח״ז, אז די וועלט זאל ווערן א ״תורה וועלט״.

ויש לומר, אז דאס איז נאכמער מודגש לויטן דין[159] ״מבדיל אדם על הכוס מבעוד יום אף על פי שעדיין הוא שבת״[160], וואס דער דין ברענגט זיך אויך אין שו״ע און אין אלטן רבי׳נס שו״ע[161].

דלכאורה: ווי קען מען מאכן הבדלה בין קודש לחול בשעת מ׳שטייט נאך בקודש?

איז דערפון נאך א שטארקערע הוכחה על האמור לעיל, אז תכלית הכוונה איז אז די קדושה פון שבת ויו״ט זאל נמשך ווערן אין ״חול״!

ועד״ז בנוגע צו חג השבועות, זמן מתן תורתנו, אז מען דארף מיטנעמען פון דעם שטורעם פון מתן תורה אין וועלט, מאכן פון דער

---

156) יום א׳ כח אייר בשיחה לנשי ובנות ישראל סי״ב ואילך. 157) הל׳ שבת רפכ״ט. ועד״ז בסהמ״צ שלו מ״ע קנה. 158) יתרו כ, ח. 159) רמב״ם הל׳ שבת שם הי״א. 160) ראה אנציקלופדי׳ תלמודית ערך הבדלה ע׳ פו ואילך. וש״נ. 161) או״ח סרצ״ג ס״ב.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

וועלט א "תורה וועלט".

כח. ובנוגע לפועל:

מ'האלט דאך שוין דעם צווייטן טאג שבועות אחר חצות און נאך מנחה, מיט אלע פרטים ומעלות שבדבר - דארף מען וויסן, אז תכלית הכוונה איז צו אננעמען פון דער שליחות פון ענין התורה און איר ממשיך זיין אין וועלט, פון "שמים" (תורה) אין "ארץ" (חול), ביז אין די ענינים שלא נזכרו בעש"מ, און מ'דארף געפינען די חילופים ותמורות כדי צו זען זייער קשר מיט די עשרה מאמרות.

און דאס איז דער כח וואס מ'האט שטייענדיק בחג השבועות (פאר צאת הכוכבים), ווען דער קלוגינקער האט ניט קיין שליטה און קיין תוקף, במילא קען ער ניט מבלבל זיין מיט זיינע טענות מען זאל טאן נאר א ביסל אדער רוב פון דער עבודה - ווייל שטייענדיק ביום טוב האט ער קיין שום שליטה ניט.

ואדרבה, וויבאלד דאס איז חג השבועות, זמן מתן תורתנו, איז ניט נאר וואס דער יצה"ר האט ניט קיין כח, נאר נאכמער - "בראתי יצה"ר בראתי לו תורה תבלין"[162], ד.ה. די תורה וואס איז געגעבן געווארן בחגה"ש איז א "תבלין" וואס מאכט איבער דעם יצה"ר פאר א געמשאקן מאכל, כידוע וואס דער אלטער רבי איז מבאר[163] אין דעם ענין פון "מטעמים[164] לשון רבים", אז דער תענוג שלמעלה פון אתכפיא פון יצה"ר איז נאכמער איידער דער תענוג פון עבודת הצדיקים.

במילא איז מובן, אז בשעת מ'איז מחליט החלטות טובות ביום זה (ווען "מפקחין על צרכי ציבור"[165]) האט עס זיכער א תוקף מיוחד, און וויבאלד דאס איז א "יום טוב", איז נאכמער מודגש דער ענין פון "מחשבה טובה", וואס "הקב"ה מצרפה למעשה"[166], כמובן בכ"ש וק"ו פון א מחשבה טובה סתם.

ובפרט אז מ'גייט אריבער אין איסרו חג, וואס האט א תוקף מיוחד, ביז צו די אלע ימי התשלומין וואס דער אלטער רבי ברענגט אין סידור[167] (השוה לכל נפש), אז חג השבועות ציט זיך ביז י"ב סיון ועד בכלל, במילא האט מען א גאנצע וואך אין דעם ענין פון זמן מ"ת, פון זונטיק ביז שבת.

---

162) קידושין ל, ב. 163) תניא פכ"ז (לד, ריש ע"ב). 164) תולדות כז, ד. 165) ראה שבת קנ, א. טושו"ע (ודאדה"ז) או"ח סש"ו ס"ו (סי"ב). 166) קידושין מ, ב. 167) לפני "ובא לציון גואל".

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ווערט דערפון נמשך בכל ימות השבוע שבמשך השנה, אז יעדער זונטיק נעמט פון דעם זונטיק פון זמן מ"ת, ועד"ז די אנדערע ימי השבוע.

און אזוי ווי ביו"ט ווערט עס נמשך אין עשי׳ בפועל (אויף וויפל עס איז שייך דער ענין העשי׳ ביו"ט), אזוי ווערט עס נמשך בכל השנה כולה אין אן עשי׳ שאין למטה ממנה, אז די גאנצע וועלט ווערט א "תורה וועלט", אזוי ווי דאס איז אין "שמים", בחג השבועות.

וע"י מעשינו ועבודתינו בכל ענינים אלו, ובפרט דורך לימוד התורה - ווערט מען א כלי צו מקבל זיין די אלע גילויים דלע"ל וואס וועלן זיין אזוי ווי מתן תורה[168], ווען הי׳ הקול[169] יוצא מכל ד׳ רוחות און די גאנצע וועלט האט געשריען "אנכי ה׳ אלקיך"[170].

וכן תהי׳ לנו, בשעתא חדא וברגעא חדא, למטה מעשרה טפחים, בעגלא דידן ממש.

* * *

כט. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה צאינה וראינה.

* * *

ל. ע"ד המבואר לעיל בנוגע דעם שיעור חת"ת אין ספר התניא, איז מובן אז מען דארף אויך אפלערנען א הוראה פון דעם שיעור אין חומש, ובפרט לויטן פתגם הידוע[89] אז מ׳דארף "לעבן מיט דער צייט", מיט פרשת השבוע, וואס בפרטיות מיינט עס דעם חלק הפרשה השייך ליום זה, ז׳ סיון, וואס בשנה זו איז דאס יום שני לפרשת נשא, במילא איז דער שיעור חומש פון שני ביז שלישי אין פרשת נשא.

עד"ז אויך בנוגע דעם שיעור תהלים פון ז׳ סיון, וואס דאס איז דער שיעור פון ז׳ לחודש, לויט דער חלוקה פון תהלים לימות החודש.

- וואס כאטש איך ווייס ניט ווער איז געווען דער וואס האט געמאכט די חלוקה פון תהלים לימות החודש, איז דאס אבער עכ"פ פון דורות קדמונים.

---

168) ראה תניא פל"ו. 169) ראה שמו"ר פ"ה, ט. 170) יתרו כ, ב.

הנחת הת׳ בלתי מוגה